14
פרשת עקב
Jul. 26 2026



# קיפקע

שכונת ויואל משה
דיין לאקאלער צירקל
letters@svmkipka.com • 845.682.1282



# ווען השי"ת זאגט: "איך גלייב אין דיר"

מרת ל.

מיר זענען געוואוינט צו טראכטן אז אמונה מיינט, איך גלייב אינעם אייבערשטן. אבער שבת נחמו לערנט אונז אפשר נאך עפעס: אז דער אייבערשטער "גלייבט" אין אונז.

טראכט אריין א מינוט: נאך תשעה באב, נאך אלע חורבנות, קומט נישט דער אייבערשטער זאגן "איך האב שוין אויפגעגעבן אויף אייך". פונקט פארקערט, "נחמו נחמו עמי" איך האב נאך אלץ צוטרוי אין אייך; איך ווייס אז איר קענט נאכאמאל אויפבויען.

מיר אידישע פרויען באקומט יעדן אינדערפרי א נייע שליחות. דער אייבערשטער לייגט אריין אין אונזערע הענט א שטוב, קינדער, א מאן און א אידישע אטמאספערע. ער זאגט כביכול: "איך גלייב דיר דאס ווייל איך ווייס אז דו קענסט עס באווייזן."

מיר אליין האבן אפטמאל מער ספקות אין זיך ווי דער אייבערשטער האט אין אונז. וועט עס מיר געלונגען? וועל איך קענען מחנך זיין?, וועל איך בלייבן שטארק?. דער אייבערשטער ענטפערט: אויב איך האב דיר אויסגעקליבן פאר דעם תפקיד, איז עס ווייל איך ווייס אז דו האסט די כוחות!

אפשר דערפאר זעט מען אז אידישע פרויען טוען אזויפיל זאכן וואס קיינער וואלט נישט געגלייבט אז מען קען אפילו באווייזן. זיי שלאפן ווייניגער פון יעדן, ארבעטן מער פון יעדן, און דאך בלייבט אין שטוב א ווארעמקייט, א שבת, א יום טוב, און א שמייכל.

דאס איז נישט ווייל אלעס קומט אן גרינג, נאר ווייל דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין א אידישע טאכטער כוחות וואס זיי אליין אנטדעקט נאר ווען זיי דארף עס ניצן.

דאס איז די אמת'ע נחמה פון שבת נחמו. ווען דו קוקסט אויף זיך און זעסט חסרונות, קוקט דער אייבערשטער אויף דיר און זעט א שליחות. ווען דו זעסט שוועריגקייטן, זעט ער כוחות. ווען דו טראכסט "אפשר קען איך נישט", זאגט ער: "איך האב דיר אויסדערוועלט פונקט דיר ווייל דו קענסט."

דאס די שענסטע נחמה פון אלע: נישט נאר אז דער אייבערשטער האט אונז ליב, נאר אז ער האט צוטרוי אין אונז.






SVM SPECIAL

# SHABBOS LOCKS

# 15% off

FOR




אייער פריינט
**מושב השכונה**

רופט לאקסמיט:

**845.576.2481**

- שלעסער
- נומער שלעסער
- DOOR CLOSERS
- הענטלעך
- פינען

קארסעיף: 24 שטונדן ארום די זייגער

845.512.5555

carsafe

# שכן צו שכן

צו די קופקע, איך האב זיך געוואלט באדאנקן פאר'ן אדווערטייזן "טועמיה" וואך איין וואך אויס. איך האב מיך געטראפן דעם ערב שבת דריי פערטל שעה פארן זמן און קיין מילך, וועז לויפן צום נעגטסטן גראסערי איז שוין נישט געווען קיין אפציע.

איך בין דאס ערשטע מאל אריין אהין, און איך האב ממש נישט געגלייבט וואס איך זע דארט - אויב מען קען זאגן - א געהעריגע גראסערי מיט כל מיני מטעמים! פארשטייט זיך, איך האב שוין געקויפט עפעס מער ווי נאר מילך...

איך שפיר אבער אז עס קומט זיך זייער אסאך קרעדיט פאר די שכינים, וואס וואלטן זייער גרינג געקענט מאכן א גאנצע קעיס אז מען שטערט זייער פריוואטקייט, פארקינג, א.ד.ג. אנשטאט דעם האבן זיי באשלאסן צו קוקן אויפ'ן צורך פון די געגנט, ווי משפחות קענען דאס אזוי גוט ניצן, און אויך העלפן א איד מיט זיין פרנסה.

מי כעמך ישראל!

איינער האט מיר דערציילט אז די מענעדזשמענט איז גאר געווען דער וואס האט געהאלפן עס אויסארבייטן, ווי אזוי "טועמיה" זאל קענען זיין אפן און יעדער זאל זיין צופרידן. ב"ה מיט אזעלכע פיינע מענטשן בויט זיך א גוטע געגנט!

צו די שכן צו שכן אפטיילונג. מיר ווילן בעטן פון אלע שכינים אז ווען מען טראגט ארויס די גארבידזש, זאל מען עס אריינלייגן אינאיינווייניג אין די קענס.

אויך זאל מען עס נאר ארויסשיקן מיט קינדער וואס זענען שוין בכוח עס אליין אריינצולייגן. בפרט סוף וואך, ווען מען פיקט נישט אויף די גארבידזש פאר עטליכע טעג.

עס איז נישט מער ווי מענטשלעך און אידישלעך, און קיינער דארף נישט האבן דא קיין קעץ, מייז, וכדומה.

פאר וועמען עס איז נישט צו שווער, זאל ביטע לייגן די גארבידזש אין די קענס וואס שטייען מער אינווייניג אינעם גארבידזש הויז, כדי עס זאל בלייבן מער פלאץ פארנט.

אזוי אויך זאל מען בשום אופן נישט ארויסלייגן גארבידזש אין די האלוועי (פאר די וואס וואוינען נישט פריוואט). אויב איר ווילט עס נאך נישט ארויסטראגן, האלט עס ביי אייך אינדערהיים - דארט איז דא מער פלאץ. עס איז זייער נישט בא'טעמ'ט דאס צו זען, און זיכער נישט צו שמעקן דעם גערוך. יישר כח פאר'ן פארשטענדעניש.

צו די "שכן צו שכן" אפטיילונג,

אסאך מענטשן האבן געבעטן פארקס, אבער מען לייגט דא נישט קיין פארקס. יעדער איינער וויל די זעלבע זאך, און מען דארף רעדן צו די מענעדזשמענט.

איך וועל יעצט געבן דעם נומער פון די מענעדזשמענט וואס מען דארף אנרופן, און יעדער קען ארייניקאלן קאמפלעינען און זאגן ווי וויכטיג עס איז צו האבן פארקס. אפשר וועט דאס עפעס אויפטון.

דער נומער איז: 845-736-0026, עקסטענשן 1.

מען ענטפערט אויפן טעלעפאן פון 9:00 ביז 5:00, און מען קען זאגן אז מען דארף וויכטיג, וויכטיג, וויכטיג האבן פארקס.

א דאנק




בקיצור, א קאר סערוויס פאר פעקלעך.

845.666.8455

swifly
On Demand Messenger

# שכן צו שכן

די שכנים דא שיקן אריין בריוו איבער פארקס. זיך אפצורעדן איז זייער גרינג און געשמאק פאר אסאך מענטשן, אבער טון למעשה איז כמעט קיינער נישט גרייט. איך האב געפרעגט וויפיל מענטשן האבן שוין אפילו נאר אריינגערופן פרעגן די דעוועלפער איבער פארקס פאר די קינדער, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז כמעט קיינער האט נישט געראפן.

עס איז גרינגער צו שיקן בריוו ווי איידער צו טון למעשה. ווען יעדער וועט בעטן שיין, וועט מען זיכער עפעס קענען מאכן בסייעתא דשמיא.

אזוי אויך איז עס נישט געווען דער אריגינעלער פלאן, און מענטשן האבן געקויפט זייערע הייזער לויט יענע פלענער, ווען מען האט נישט געוויזן אז דארט וועט אמאל זיין א פארק.

אסאך מענטשן אויף 8 אוסטראה, 10 אוסטראה און 12 אוסטראה וועלן ליידן פון דעם הויכן גערודער וואס קינדער ברענגען מיט זיך. אזוי אז דארט איז עס נישט פאסיג צו מאכן.

איך האב נישט קיין טענה אויף די וואס ווילן א פארק, אבער מען דארף אויך טראכטן פון די שכנים וואס וואוינען דארט. א גרויסן יישר כח.

לכבוד שכן צו שכן, איך האב געוואלט ארייַנשיקן א בריוו אין באצוג צו דעם בריוו וואס איז געווען די וואך, פרשת ואתחנן, וואו איינער האט פארגעשלאגן צו מאכן א פארק ביים דעד-ענד פון 8 אוסטראה.

איך וואלט געזאגט אז מענטשן כאפן נישט אז אין שכונת ויואל משה זענען געבויט געווארן שלאף-צימערן אין פראנט ביי אסאך הייזער. אזוי אז די בעדרומס איז נישט נאר אין די בעק, נאר עס זענען דא אסאך בעדרומס וואס קוקן ארויס צום פראנט.

וואס עס קומט אויס וועגן דעם, אז ווען קינדער שפילן ביים דעד-ענד פון 8 אוסטראה, סיי שבת נאכמיטאג אדער פרייטאג צו נאכטס, זענען דא קינדער וואס שלאפן און עלטערן וואס רוען זיך אפ, און עס שטערט מורא'דיג שטארק.

איך שטעל פאר אז א פארק וועט עס מאכן נאך ערגער; עס וועט זיין פיל מער טרעפיק און פיל מער קינדער.

ביטע אריינלייגן מיינע ווערטער ביי שכן צו שכן.

איך קום פון וויליאמסבורג, וואו די מענעדזשמענט פירמעס נעמען קעיר פון די האלוועיס - סיי דאס רייניגן און סיי דאס פעינטן איינמאל א יאר. אבער דא אין קרית יואל איז דאס נישט איינגעפירט. ווען עס קומט צו א פובליק פלאץ וואו קיינער נעמט נישט באמת די אחריות, פארלאזט זיך יעדער אויפ'ן שכן אז ער וועט קלינען.

דערפאר איז ממש א דיזעסטער ווי אזוי געוויסע האלוועיס קוקן אויס. עס קוקט נישט אויס ווי אידישע קינדער וואוינען דא, נאר ליבערשט ווי אין הארלעם... אדרבה, עס וואלט געווען אינטערעסאנט צו הערן פארוואס דא אין קרית יואל איז דאס נישט איינגעפירט אלס א חלק פון די מענעדזשמענט. אדער איז דא אין געוויסע בילדונגס א גוטער סיסטעם פון קלינען די האלוועיס צווישן די שכנים וואס איינער קען ארייַנשיקן.




# סופר סת"ם

ס"ת, מזוזות, מגילות, קטורת, תפלין, רצועות, בתים

ספעציעלע
סערוויס: אייער
בחור'ל קען מיטהאלטן
די פראצעדור פון
מאכן די תפלין

**יואל מארקאוויטש**
**845-324-0063**
תושב שכונות ויואל משה

# א שאלה צום דיין

געפרעגט דורך תושבי השכונה,
**געענטפערט דורך רבי דוד גרינפעלד שליט"א,**
דומ"ץ ביהמ"ד ישראל שלום בשכונותינו

## שאלה

שלום וברכה, איך וויל פרעגן א שאלה.
געווענליך באצאל איך מקוה געלט פאר 30 טעג, און דאס מיינט אז מען באקומט איין האנטוך פאר יעדן טאג וואס מען קומט.
וואס איז אויב איך גיי נישט יעדן טאג, נאר איך לאז אויס עטליכע טעג? האב איך דאן א קרעדיט אויף די האנטיכער פון די טעג וואס איך בין נישט געקומען, אז איך קען נוצן נאך האנטיכער אויף די טעג וואס איך יא קום?
א גרויסן יישר כח.

## תשובה

אין א טאג וואס מען קען נישט גיין אין מקוה, מעג מען אבער נוצן א האנטוך. אזוי אויך מעג מען אנשטאט דעם איבערגעבן פאר א צווייטן דעם רעכט צו נעמען א האנטוך, דאס זעלבע איז נוצן דעם האנטוך דעם אנדערן טאג.


52 Bakertown Rd.
Business center
2nd Floor
מיר פאררעכטן
אלע סארט פאונ'ס און טעבלעטס
thewireless
Call / Text
845.
388.
2355





OUR SHOWROOM HAS
ONE ADDRESS:
YOURS.
No guessing if it will fit, shine bright enough, or match. Our expert brings the showroom to your home, so you choose once and choose right.
Servicing Monsey, Monroe & the Catskills
845-394-5885
sales@breezelightingusa.com
BREEZE
LIGHTING

בס"ד

# The easy way from refill to refill.

**We keep your refills connected so you never miss a dose. Think you can do the same?** Complete the Connect the Dots puzzle by drawing a line from each numbered dot to reveal the hidden image. Then submit your completed puzzle for a chance to win a $25 Funtazz gift card.




## SEND US YOUR PUZZLE TO ENTER THE RAFFLE:

1) Drop off at Blooming Grove Pharmacy or Funtazz
2) Hand to our driver when he delivers your order
3) Send it to us: Whatsapp to 845.775.4175, fax to 845.775.4185 or email to info@bgprx.com

**Name** ______________________

**Phone** ______________________

**Email** ______________________

Raffle date: Monday, Aug 3, כ' אב
Last weeks winner: חיים שווארטץ

מיר קאנעקטן אייך צו יעדער ריפיל.

קינדער, ענדיגט די קאנעקט די דאטס און געווינט!

שמואל יוסף זאלזמאן

Blooming Grove PHARMACY

**FAST, FREE DELIVERY EVERY DAY UNTIL CLOSING**

**Call/Text / WA 845.775.4175**
**Fax:** 845.775.4185
1200 Rt 208 Monroe, NY 10950

**Store Hours:**
Sun - Thurs 9 AM - 9 PM
Friday 9 AM - zman

faigyporgesz.com



# ווערטער און געדאנקען

אויפן "תורתך שעשועי" שיעור

**איזהו מת מצוה? כל שאין לו קוברים.** "איזהו מת מצוה? כל שאין לו קוברים." זאגט די גמרא: "קורא ואחרים עונים אותו, אין זה מת מצוה" – אויב א מענטש רופט און אנדערע ענטפערן אים, איז ער שוין נישט קיין פארלאזטער.

דאס איז דער פשט פון "או חברותא או מיתותא". אזוי ווי ביי חוני המעגל, וואס איז צוריקגעקומען נאך א לאנגן שלאף און האט געזוכט זיין פלאץ אין בית המדרש; ווען ער האט געזען אז קיינער דערקענט אים נישט און קיינער פארשטייט נישט זיין מדרגה, האט ער געפילט אז א לעבן אן א חברותא – אן מענטשן וואס פארשטייען אים און גייען מיט אים אינאיינעם – האט נישט קיין טעם.

דערפאר זאגט רבא: "היינו דאמרי אינשי: או חברותא או מיתותא." א מענטש לעבט נישט נאר פאר זיך אליין; ער דארף א צווייטן וואס הערט אים אויס, פארשטייט אים, און באגלייט אים.

דער גרעסטער חסד קען אמאל זיין פשוט צו זיין דער "אחרים עונים אותו" – דער וואס ענטפערט אויפן רוף פון א צווייטן און גיט אים צוריק חיות.

**אחורי ארי ולא אחורי אשה.** אין די ספרי חסידות טייטשט מען דעם מאמר אלס א רמז אויף די ימי הרחמים והרצון: "אחורי ארי" – מען דארף אנהייבן די הכנה און תשובה גלייך נאך חודש אב, וואס זיין מזל איז "אריה". אבער "ולא אחורי אשה" – מען זאל נישטווארטן ביז עס גייט פארביי חודש אלול, וואס זיין מזל איז "בתולה", ווייל דעמאלט איז שוין צו שפעט און די ימי הדין זענען שוין דא.

**כל בית שנשמע בו דברי תורה בלילה שוב אינו נחרב.** פארוואס דווקא ביינאכט? דער הייליגער רמב"ם שרייבט, אז כאטש מען דארף לערנען סיי בייטאג און סיי ביינאכט, איז אבער "אין אדם למד את רוב חכמתו אלא בלילה" - ווייל דער עיקר קנין התורה קומט אין די שטילע נאכט-שעות, ווען מען קען זיך בעסער פארטיפן אין לערנען.

להערה בעלמא: באנאכט איז לכאורה דער עיקר לימוד פון תורה שבעל פה. ווי עס שטייט אין מדרש תנחומא, אז ווען משה רבינו איז געווען פערציג טעג אין הימל, וויאזוי האט ער געוואוסט ווען עס איז טאג און ווען עס איז נאכט? ווען דער אייבערשטער האט געלערנט מיט אים תורה שבכתב, האט ער געוואוסט אז עס איז טאג; און ווען ער האט אים געלערנט תורה שבעל פה, האט ער געוואוסט אז עס איז נאכט.

**הי מינייהו סגי ברישא.** דער הייליגער בן איש חי זי"ע ברענגט א מעשה, פונעם ספר "מעשה טוביה" בשם "ספר אבן סינא", אז עס זענען אמאל געבוירן געווארן צווילינג וואס זענען געבוירן צוזאמענגעוואקסן. עס איז אבער געקומען א צייט ווען איינער פון זיי האט געוואלט חתונה האבן, אבער דער צווייטער האט זיך קעגנגעשטעלט. מען האט באמערקט אז דער עיקר כח און שליטה איז געווען נאר ביי איינעם פון די צוויי, בשעת דער צווייטער איז מער געווען נאכגעשלעפט נאך אים, ווייל ער האט נישט געהאט די זעלבע שטארקייט.

ער שרייבט אז לויט'ן טבע, ווען צוויי מענטשן זענען צוזאמענגעוואקסן, איז כמעט אוממעגליך אז ביידע זאלן האבן דעם זעלבן כח. דער עיקר כח און שליטה ליגט געווענליך נאר ביי איינעם, און דער צווייטער ווערט כמעט אינגאנצן געפירט דורך יענעם.

ער מסביר, אז די שאלה פון די גמרא איז נישט געווען וועמענס פיס זענען געגאנגען פאראויס, נאר ווער עס האט געהאט דעם עיקר כח.

ער איז מפרש די גמרא, אז ווען אדם און חוה זענען נאך געווען איינס, איז זיכער געווען אז דער עיקר כח האט נישט געקענט זיין ביי ביידע גלייך. איינער האט געדארפט זיין דער עיקר כח, ווען דער צווייטער איז געגאנגען נאך אים, אזוי ווי א קליינע שיף וואס ווערט געשלעפט נאך א גרויסער שיף.

אויף דעם ענטפערט די גמרא: "מסתברא זכר סגי ברישא." מסתבר אז דער זכר האט געהאט דעם עיקר כח.




# EZ Shopping 845 248 9626

| | Luvs $50 | Pampers Baby Dry $65 | Pampers Swaddlers $65 | Huggies $60 | Parents Choice $55 | Mama Bear $40 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| **1** | 294 | 242 | 198 | 256 | 412 | 196 |
| **2** | 264 | 220 | 186 | 222 | 384 | 184 |
| **3** | 324 | 210 | 168 | 210 | 336 | 168 |
| **4** | 198 | 186 | 150 | 180 | 308 | 148 |
| **5** | 172 | 164 | 132 | 156 | 258 | 132 |
| **6** | 144 | 144 | 108 | 124 | 212 | 108 |

**We also do all kind of online shopping,**

**we are specialized in finding the best price on**

**Diapers, Pull ups and Detergents**

**פראגע: יעדן חודש באצאל איך מיינע מענעדזשמענט פיס (management fees), אבער איך בין נייגעריג... וואס טוט די מענעדזשמענט פירמע טאקע א גאנצן טאג? איך זע אמאל ווי מען שניידט דאס גראז, מען שארט דעם שניי, און אמאל קומט א קאנטראקטאר אריבער. חוץ דעם... וואו גייט מיין געלט?**

**ענטפער:**

דאס איז איינע פון די מערסט געפרעגטע שאלות, און דער אמת איז, אז אויב איר זעט נישט וואס די מענעדזשמענט טוט – איז דאס אפט א סימן אז זיי טוען א גוטע ארבעט.

לאמיר אייך פרעגן א פראגע אויף צוריק: ווער מאכט זיכער אז די פייער-אלארמס ארבעטן? אז די אינשורענס איז גילטיג? אז די לייטס ביים אריינגאנג ברענען? אז דער דאך, די דרעינס, פאמפס, בוילערס און אנדערע געמיינזאמע סיסטעמען זענען אין א גוטן צושטאנד?

מסתמא טראכט מען נישט דערפון... אבער אט פונקט דאס איז די ארבעט פון מענעדזשמענט.

א גוטע מענעדזשמענט פירמע זיצט נישט און ווארט אויפ'ן טעלעפאן; זיי פרובירן צו פארמיידן פראבלעמען איידער זיי ווערן טייערע קאפ-ווייטיקן. א קליינער שפאלט היינט קען מארגן קאסטן טויזנטער דאלאר אויב מען לאזט עס לויפן.

איבער'ן טאג רעדט מען מיט קאנטראקטארס, מען נעמט פרייזן (quotes), מען קאנטראלירט די ארבעט, מען באצאלט בילס, מען פלאנט צוקונפטיגע פאררעכטונגען, מען האלט רעקארדס און אינשורענס, און מען האלט זיך אפ-טו-דעיט מיט אלע רעגולאציעס.

און יא... אמאל איז די ארבעט אויך צו זיין אביסל א "שלום-קאמיטע". איין שכן זאגט אז דעם שכן'ס קינדער מאכן צו פיל פראבלעמען; א צווייטער טענה'ט אז די גארבידזש הויז איז א פראבלעם; און א דריטער איז זיכער אז דעם שכן'ס גאסט האט פארקירט דווקא אויף "זיין" פארקינג... אפילו ווען עס איז בכלל נישט זיינער...

ווען א רער פלאצט אינמיטן נאכט, אדער א שטורעם ווארפט אראפ א בוים, איז נישט דא קיין צייט אנצוהייבן זוכן א פלאמבער. א גוטע מענעדזשמענט פירמע האט שוין די ריכטיגע מענטשן גרייט.

UTMOST
MANAGEMENT

מען זאגט אמאל מיט א שמייכל: "ווען אלעס קלאפט, פרעגט מען פארוואס מען באצאלט פאר מענעדזשמענט; אבער ווען עפעס גייט נישט כשורה, פרעגט מען וואו איז די מענעדזשמענט..."

בקיצור, דער בעסטער קאמפלימענט פאר א מענעדזשמענט פירמע איז ווען מען הערט ווייניג פון זיי, ווייל דאס מיינט אז אסאך פראבלעמען זענען שוין געלייזט געווארן נאך איידער זיי זענען געווארן אייער פראבלעם.

***

איר קענט אנפרעגן די מענדשמענט פירמע סיי וועלכע פראגע איר האט. זיי וועלן אייך גערן פראבירן צו ענטפערן.



בע"ה
אייער פריינט
תושב השכונה
ס'פליט שוין
ביי משפחות
פילעפף
6 BEER
SHEVA ST
#302
8457991416
New
די בעסטע צייט אנצוגרייטן אייער נוי סוכה איז זוממער,
קויפט אייער פיקאק שטערן היינט!
Start crafting today!
Call or Text
3475850690
על פי הלכה
מעג מען עס
מאכן אין די 9
טעג
The Sukkah Star
845-492-2071 - Craft10950@gmail.com

# הצלה קאָלם

**עקיבא**
**שטיין** אויפ'ן
סצענע

## שפיטעלער קאטאגאריעס (2)

*מיר וועלן ממשיך זיין מיט די שפיטעלער קאטאגריעס.*

**סטראָוק צענטערס (Stroke Centers)**

ווען א מענטש באקומט א סטראוק ל"ע, הייבט זיך אן א געיעג קעגן דער זייגער. (ווען מיר וועלן באשרייבן איבער סטראוקס וועלן מיר רעדן איבער די "גאלדענע שעה" וואס איז די ערשטע פיר שעה ווען עס פאסירט א סטראוק און אלעס ארום א סטראוק) דער אויסדרוק וואס דאקטוירים נוצן איז: "Time is Brain" - צייט איז מח, איז בכלל נישט קיין שיינע סלאגאן, נאר אן עכטע מציאות! יעדע מינוט וואס דער מח באקומט נישט גענוג בלוט און אקסיגען, שטארבן אפ טויזנטער מח-צעלן, וואס די שאדן קען זיין גאר גרויס.

דאס איז די סיבה פארוואס הצלה ווערט נישט בלויז פרעגן: וועלכער שפיטאל איז דער נענטסטער? נאר בעיקר: "וועלכער שפיטאל איז דער ריכטיגער?" אסאך מאל קען טאקע א שפיטאל זיין פופצן מינוט שנעלער, אבער אויב ער האט נישט די נויטיגע מעגליכקייטן פאר א סטראוק פאציענט, וועט מען למעשה פארלירן מער צייט, ווייל דער פאציענט וועט דארפן ווערן איבערגעפירט צו אן אנדערע שפיטאל אים צו באהאנדלן. דערפאר דעם זענען סטראָוק-צענטערס איינגעטיילט אין פארשידענע שטאפלען.

**Primary Stroke Center**

דאס איז דער ערשטער שטאפל פון א ספעציעל אנערקענטן סטראוק צענטער. אזא שפיטאל האט א טרענירטן טיעם וואס קען שנעל דערקענען א סטראוק, דורכפירן די נויטיגע סי-טי סקענס, באשליסן וועלכע סארט סטראוק עס איז, און אנהייבן די ריכטיגע באהאנדלונג.

אויב עס איז א "בלוט קלאט" וואס האט פארשטאפט אן אדער אינעם מח, און דער פאציענט קומט אן אינעם ריכטיגן צייט פענסטער פון די ערשטע פיר שעה, קען מען געבן א ספעציעלע מעדיצין (TPA אדער TNK), וואס קען צוריקברעכענען דעם בלוט פלוס און שטארק פארקלענערן די שאדן.

אבער די מעדיצין איז נישט פאסיג פאר יעדן סטראוק פאציענט. מען מוז קודם זיכער מאכן אז עס איז נישט דא קיין בלוטינג אינעם מח, ווייל אין אזא פאל קען די מעדיצין גאר מאכן ערגער. דערפאר איז א שנעלע און גענויע דיאגנאז אזוי וויכטיג.

**Thrombectomy-Capable Stroke Center**

ביי געוויסע סטראוקס איז דער בלוט-קלאט צו גרויס, און די מעדיצין אליין קען אים נישט אויפלאזן. אין אזא פאל קען מען דורכפירן א פראצעדור וואס הייסט Mechanical Thrombectomy. דער דאקטער פירט אריין א גאר דינע שטרוי דורכן ארעם אדער פוס, ביז צום מח, און נעמט ארויס דעם קלאט אדער ציט ער אים ארויס מיט א ספעציעלן געצייג. אין פילע פאלן קומט די בלוט פלוס גלייך צוריק געהעריג צום מח, און מען קען ממש ראטעווען גרויסע טיילן פונעם מח. אזעלכע פראצעדורן ווערן געמאכט דורך ספעציעלע געשולטע דאקטוירים מיט גאר סאפיסטיקירטע עקוויפמענט, וואס נישט יעדער שפיטאל פארמאגט.

**Comprehensive Stroke Center**

דאס איז דער העכסטער שטאפל פון א סטראוק צענטער.

דארט זענען פאראן מח-כירורגן, ספעציאליסטן, אינטענסיווע קעיר אפטיילונגען און גאר פארגעשריטענע אימידזשינג מאשינען, אלע גרייט פיר און צוואנציג שעה א טאג.

נישט יעדע סטראוק דארף אזא שפיטאל, אבער ווען עס איז יא נויטיג, קען דאס זיין דער חילוק צווישן א מענטש וואס גייט אהיים אויף די אייגענע פיס, און איינער וואס דארף לאנגע ריהאביליטאציע.

אסאך מענטשן וואונדערן זיך: "פארוואס פארט מען פארביי דעם שפיטאל וואס איז דא ארום די ווינקל?"

די תשובה איז פשוט. אויב דער ערשטער שפיטאל וועט נאר קענען מאכן א סי-טי סקען און דערנאך ברויכן טראנספערירן דעם פאציענט צום ריכטיגן סטראוק צענטער, האט מען פארלוירן א שעה אדער אפילו מער. אויב מען קען אבער גלייך אנקומען צום ריכטיגן פלאץ, שפארט מען די גאנצע טראנספער און מען הייבט פיל שנעלער אן די באהאנדלונג.

# קלאסיפיידס

אַ זייער וואַרעמע בעיביסיטינג,
סיי פאַר Steady און סיי
פאַר Drop-in. אין
שכונת ויואל משה
on Maglenitz Street.
ביטע רופט: 845-655-9176

מיר נעמען אן
צו בעביסיטן
ביינאכט רופט
845.799.8797

**New!**

your favorite Tahua and Crops products now in SVM. Mention Kipka for a 20% Discount. Free Delivery. Please call

**845-796-8798**




**Beutifull 5 room walk in Apartment on 20 Austra for rent. ready to move in.**
**845.637.9457**






GIFTING HIM ISN'T A GUESSING GAME




# Mens Gifting Made Effortless

We carry a unique line of mens gift packages suitable for every occasion or any time.

*we deliver

Call/Text: 845-937-2470 curatedcony@gmail.com

Curated & Co.

Mens Gifting Redefined